# גליון חיים נצחיים

א ליכטיגקייט און קלארקייט אין עבודת השם, פונעם קוואל פון הרה"ק **רבי נחמן מברסלב** זצוקללה"ה און זיינע הייליגע תלמידים זיעועכי"א

לע"נ חברינו היקר הבלתי נשכח
מוהר"ר **אברהם** ע"ה במוהר"ר
**משה דוד** הי"ו **געטץ**
נלב"ע א' דראש השנה תשע"ט לפ"ק

גליון **12** | פרשת **ראה** | **ר"ח אלול** תשע"ט


## לאמיר זיך אומקערן אידעלעך...

ארויסגענומען פון: ליקוטי הלכות, נטילת ידים שחרית ה"ג

**וואס איז די עבודה פון חודש אלול? | פארוואס זענען מיר דאן עוסק אין מער פשוט'ערע סארט עבודות? | וואס איז דער גלייכער וועג וויאזוי תשובה צו טון און ממליך זיין דעם אייבערשטן?**

נאך פון יונגווייז אן פלעגן אונזערע זיידעס אונז אראפלייגן, וויאזוי דער שטעטל אין דער אלטער היים האט געקאכט ווי א קעסל ווען עס האט זיך דערנענטערט די טעג פון סליחות. שוין פון גאר פרי פארטאגס ווען אינדרויסן איז נאך געווען שטאק פינסטער, א קילע ווינטל האט געבלאזן, פלעגט דער שמש שפאנען איבער די געסעלעך ווען אין איין האנט האט ער געהאלטן אזא לאמטערנע און מיט די צווייטע האנט פלעגט ער קלאפן אויף די פענסטערלעך פון די הייזער מיט אזא ספעציעלע סארט האמער אויפוועקנדיג דער עולם מיט א וואַרעם-האַרציגע מעלאדיע: "אידן, שטייט אויף צו סליחות, שטייט אויף צו עבודת הבורא" און אזוי פלעגט די גאנצע שטעטל ווירבלען שוין פון גאר פרי פארטאגס. נישט נאר אין די טעג פון סליחות האט מען געשפירט די אימת הדין, נאר גלייך פון אנהייב ווען דער חודש אלול איז אריין, האט מען געקענט אנטאפן די פחד אין די לופטן ווען עס פלעגן אפילו די גאר פשוט'ע און פראסטע ארבעטערס פארשפארן זייערע געשעפטן און האבן זיך אריינגעזעצט אין בית-המדרש און האבן עוסק געווען א גאנצן טאג אין תפילות ותחנונים, געזאגט תהלים, תשובה געטון און זיך אויסגעגאסן זייער צובראכן הארץ פאר'ן אייבערשטן מיט די טיפסטע חרטה געפילן.

דאס האט מען אנגעזען נישט נאר ביי די פשוט'ע אידן - פלעגט דער זיידע שילדערן - נאר אפילו ביי די לומדים און תלמידי חכמים וואס א גאנץ יאר פלעגן זיי זיצן און הארעווען איבער שווערע סוגיות אין ש"ס - זיי פלעגט מען אויך זען אין די טעג זיך אפגעבן מער מיט פשוט'ערע סארט עבודות, ווי צום ביישפיל: עוסק זיין אין חשבון הנפש, ספרי מוסר, זאגן תהלים, תיקוני זוהר, תפילות און תחינות - אַך, ווי דערהויבן דאס איז געווען... פלעגט דער זיידע אויספירן זיינע זכרונות מיט נאסטאלגיע!

אט די סארט לעבנסשטייגער געפונען מיר שוין אפילו אין פריערדיגע הייליגע ספרים רעדן דערוועגן. דער הייליגער חיד"א ברענגט אין איינע פון זיינע ספרים (ברכי יוסף, בשם הטור ברקת): "איך פלעג זען טייל רבנים וואס פלעגן שטענדיג עוסק זיין אין הלכות און חיבורים, ווי אין חודש אלול האבן זיי נאכגעלאזט אביסל פון זייערע לימודים און עוסק געווען מער אין תפילות ותחנונים". אזוי אויך שרייבט דער הייליגער יסוד ושורש העבודה: "אין אט די הייליגע פארכטיגע טעג איז כדאי א מענטש זאל מער ממעט זיין אין אנדערע לימודים און לערנען מער אין ספרי מוסר".

פונעם הייליגן רבי'ן איז באקאנט, ווי ער האט גאר שטארק ארויסגעהויבן די געוואלדיגע מעלה פון עוסק זיין אין חודש אלול, אין אויסזאגן גאנץ תנ"ך (שי' הר"ן רנ"א), תהלים (ליקו"ת סי' ע"ג), און אזוי אויך 'תיקוני זוהר' - אויף וואס דער רבי האט זיך אויסגעדריקט אז פון דער ניגון פון תיקוני זוהר און פון דעם וואס די הארץ ווערט דעמאלטס אפגעשוואכט פון זיצן אין שוהל לענגער פון וויפיל מען איז געוואוינט, פון דעם אלעם ווערט אפגעטאן גאר הויכע זאכן אין געוואלדיגע תיקונים אין הימל! (שי' הר"ן, קכ"ז).

> **אפילו די חשוב'ע תלמידי חכמים – זיי פלעגט מען אויך זען אין די טעג עוסק זיין מער אין פשוט'ערע סארט עבודות, ווי זאגן תהלים, תיקוני זוהר, תפילות און תחינות**

וואס מיר זעען פון דעם אלעם בקיצור איז: עס איז געווען ביי ערליכע אידן א ספעציעלע ענין אין די טעג צו עוסק זיין דווקא אין פשוט'ע תמימות'דיגע און מער פיזישע סארט עבודות, אזעלכע עבודות וועלכע האבן נישט אזוי ווייט דווקא צוטון מיטן שכל, מיר לייגן אוועק אין די טעג כמעט אונזער גאנצער שכל אין א זייט.

דער סיבה דערצו איז, שמועסט אויס רבי נתן, ווייל ווי עס ווייסן אלע, איז דער עיקר מטרה פון אונזער גאנצע עבודה פון די 'ימי הרחמים והרצון' און איבערהויפט אין די 'ימים הנוראים', צו ממליך זיין דעם אייבערשטן אויף אלע וועלטן בכלל, און אויף אונזערע רמ"ח איברים און שס"ה גידים בפרט. און ווי באקאנט, איז דער עיקר מלכות געוואנדן נאר אין אמונה. דאס הייסט: דער פאלק גיבט זיך גענצליך איבער צום קעניג אננעמענדיג זיין הערשאפט מיט תמימות ופשיטות אפילו מען פארשטייט נישט געוויי זיין הנהגה. אנדערשט - איז דער מלך קיין קעניג נישט! ווען א מענטש פאלגט אויס דער קעניגליכער באפעל נאר ווען זיין שכל ערלויבט אים, ווייזט דאס אויף א אומ'אונטערטעניגקייט צום מלך. דעריבער, דער וועג צו ממליך זיין און מקבל זיין עול מלכות שמים, איז נאר דורך תמימות און פשטות - אוועקלייגן די שכל.

רבי נתן לייגט צו, אז די אלע חטאים און עוונות וואס דער מענטש האט געזינדיגט דורכאויס די יאר און אזוי אויך די גאנצע ווייטקייט פונעם אייבערשטן, קומט אלס פון דעם, אז ער האט זיך געלאזט פארפירן פון זיין שכל. דאס הייסט, זיין שכל האט אים איינגערעדט אז ער מעג ח"ו עובר זיין אויף עבירות, אדער אז ער קען זיך נישט מתגבר זיין אויף זיין יצר הרע, אדער אז ער קען שוין נישט תשובה טון ח"ו וויבאלד ער האט זיך שוין צופיל פארפאטשקעט, אדער אז ער קען נישט עוסק זיין אין עבודת

*המשך בעמוד ב'*

## • מעט מן האור •

*ליקוטים מובחרים מתורתו של רביה"ק ותלמידיו בלשון קצרה ובסגנון קל, להחיות בהם נפש כל חי*

### פרשת השבוע

#### *בנים אתם לד' אלקיכם*
*(דברים י"ד, א')*

ובגמרא: אמר ר' מאיר, "**בין כך ובין כך קרויים לך בנים**" (קדושין ל"ו.). ע"כ טוב מאד לשפוך תמיד שיחו וצערו לפני השי"ת בתנועות של חן ורחמים כבן הקובל לפני אביו. ואף אם נדמה להאדם שלפי מעשיו אינו כבן לפניו יתברך, עם-כל-זה הלא השי"ת קראנו בנים, ע"כ עלי לעשות את שלי לעשות עצמי כבן:

*(שי' הר"ן ז')*

#### *נתון תתן (דברים ט"ו, י")*

ובפירוש רש"י: "אפילו מאה פעמים" עכ"ל. ודרשו רבותינו ז"ל על פסוק (משלי ל"א, כ"א): **כי כל ביתה לבוש שנים** - "אל תיקרי **שָׁנִים** אלא **שְׁנַיִם**. כי כל דברי התורה מלובשים בכפל "**נתון תתן**" וכו' עכ"ל. כי פסוק זה ("נתון תתן - אפי' מאה פעמים") לא ללמד על עצמו בלבד יצא אלא על הכלל כל התורה יצא, שצריכין להתחזק בעקשנות דקדושה בכל פעם מחדש, לחזור ולעשות הדבר שבקדושה שרוצה לעשות אפילו אלף פעמים, אפילו אם עובר עליו מה שעובר, ועי"ז תתקיים בו תחילת הפסוק: "**לא תירא לביתה משלג**", שאינו צריך להתיירא מקרירות הגיהנום של **שלג**, הבא מידה כנגד מידה, למי שהניח עצמו ליפול ולהתקרר מעבודתו יתברך!

*(ליקו"ה בשר בחלב ה"ה, מ"ט)*

### אלול

#### *עבודת ימי אלול מסוגל לזיווג הגון ולשלום בית*

**ו**'אם **ל**'א תאבה האשה **ל**'לכת **א**'חריך (בראשית כ"ד) ר"ת **אלול**, ובאמצע הם תיבות "תאבה האשה". כי ע"י עבודת ימי **אלול** (המבואר היטב בליקו"מ סי' ו' עיי"ש), עי"ז **תאבה האשה**, היינו שהאשה תתרצה אליו **ללכת אחריך**. הן קודם שמוצאה, למצוא את הזיווג, והן לאחר שמוצאה, שתהיה נוטה אחר רצונו ולא תהיה מנגדת אליו.

*(ליקו"ת סי' פ"ז)*

השם וויבאלד מען דארף דאך ברענגען פרנסה אין שטוב - וואס אט דאס אלעס נעמט זיך פון גיין מיטן אייגענעם שכל. דערפאר, כדי צו תשובה טאן דערויף מיט תשובת המשקל, לייגן מיר אוועק אונזער שכל, און מיר נעמען זיך אין די טעג דווקא צו פשוט'ע עבודות, צו מצוות מעשיות, מיטן תמימות ופשיטות.

ווער רעדט נאך פון ראש השנה און יום כיפור אליין, וואס דעמאלטס קענען מיר זען אלע סארטן אידן, פון די געהויבענסטע ביז די פשוט'סטע, אפילו אזעלכע וואס דורכאויס דעם קיילעכיגן יאר וועט מען זיי קיינמאל נישט זען זיצן איבער א תהלים, צו ווייל עס פאסט זיי נישט, צו ווייל עס גרעניצט זיך מיט ביטול תורה - אלעס זיצט אין שוהל פון אינדערפרי ביז גאר שפעט און מ'זאגט א גאנצן טאג פיוטים, סליחות, תחינות, וידוי, מזמורי תהלים, א.א.וו., און מ'זאגט און מ'זאגט אָן אויפהער, מיטן פולסטן מאס פשטות און תמימות. וויבאלד אט דאס, זאגט דער הייליגער רבי, איז אונזער עיקר עבודה אין די ימים הנוראים, צו זיין אזויווי א "**נער בוכה**", פשוט אזויווי א קליין וויינעדיג תמימות'דיג קינד (שי' הר"ן פ"ז, וכמובא בתיקו"ז).

על-כן, "לאמיר זיך אומקערן אידעלעך, צוריק צו דעם ריכטיגן וועג" און "לאמיר זיך אומקערן ברודערלעך, צוריק צו אמאליגע טעג..." (מתוך ניגוני ר' יו"ט ערליך) - און תשובה טון מיט די תמימות פון אמאל: לאמיר צוגיין צום שאנק, ארויסנעמען א תיקוני זוהר, תנ"ך, און אנהייבן זאגן איין בלאט נאכ'ן צווייטן. זיך אויסוויינען אויף א תהלים'ל אדער ליקוטי תפילות. מקדיש זיין מער צייט פאר התבודדות - זיך אויסצוגיסן דאס הארץ פאר השי"ת. מאכן א גרונטליכע חשבון הנפש אויף אלע מעשים. עוסק זיין אין געבן אדער גיין מער נאך צדקה, און אזוי ווייטער.

דורכדעם וועלן מיר זוכה זיין צו ממליך זיין דעם אייבערשטן, אזויווי דער רבי האט אויסגעפירט נאכ'ן דערציילן די מעשה פון "דער קעניג מיטן רעגן" אז לעתיד לבוא וועלן דווקא די פשוט'ע אידן, די תהלים זאגער'ס, זיין די וועלכע וועלן האבן די זכיה ארויפצולייגן די קרוין אויף משיח'ן! (כוכ"א), און אין זכות וואס מיר וועלן זיך ארויפכאפן אויף די וועגן פון תמימות, וועלן מיר זוכה זיין צו תשובה שלימה און פארשריבן ווערן צו א כתיבה וחתימה טובה, אזויווי מיר זאגן אין די ראש השנה'דיגע דאווענען "**וּבִזְכוּת 'הַתָּם' יוֹצִיא אָיֹם לְצֶדֶק דִּינֵינוּ**"!

קראנטע ערציילונגען פונעם הייליגן רבי'ן און זיינע תלמידים:

# פארשוואונדן פון האריזאנט

די קלויז פון די ברסלבע חסידים אינעם שטאט אומין, וועלכע איז פראכטפול אהערגעשטעלט געווארן מיט מסירות נפש דורך רבי אייזיק אייזנשטיין, איז געווען דער געשפרעך פון שטאט. דער בנין איז געווען א מאיעסטעטישער געביידע, און האט ארויסגערופן וואונדער ביי אלע אירע צוקוקער. אויסער דעם הערליכן געבוי פונעם בנין, איז עס געווען דויערהאפטיג און פעלזן פעסט, געבויט אויף א קלוגן און געניטן אופן אזוי אז דער היכל הבית מדרש זאל נישט דארפן צוקומען צו קיין שום זוילן, און טראצדעם זיך קענען האלטן פאר לאנגע יארן, (ווי עס וויזט אן דער פאקט אז עס שטייט נאך ביזן היינטיגן טאג).

קעגן דער ווילן פון דעם בוי-מייסטער פונעם בנין - רבי נפתלי כהן פון בארדיטשוב, איז ער געווארן די הויפט קעפל אין די נייעס. ווען צווישן דעם גאנצן אומגעגנט איז מען געקומען זיך אנזעטיגן פון דעם מאיעסטעטישן געשטעל פונעם קלויז, ווען צווישן זיי האט זיך געציילט, גרויסע מבינים, ארכיטעקטן און בוי-מייסטערס, וואס אלע זענען זיי געשטאנען און געשטוינט פונעם מאיעסטעטישן בנין.

ספעציעל איז דער שטאטישער בירגער-מייסטער וואס איז אויך געקומען זיך איינקוקן אויפן קלויז, נתפעל געווארן, הערנדיג פון ר' נפתלי'ן דעם רעלאטיוו ביליגן פרייז וואס די גאנצע פראיעקט האט אפגעקאסט צוליב דעם וואס די גאנצע בוי ארבעט איז דורכגעפירט געווארן בלויז דורך היימישע ערליכע אידן, וועלכע האבן פארשטייט זיך נישט אראפגע'גנב'עט קיין איין איבריגע פרוטה, אזויווי דער שטייגער ביי די גוי'ישע ארבעטערס.

די שמועות האבן אויך דערגרייכט די אויערן פונעם הויפט קריסטליכער גלח פונעם אומין'ער אומגעגנט, וועלכער האט שוין פאר א לענגערע ווײלע געוועבט גרויסארטיגע פלענער איבער א מאכטפולער בנין פאר'ן קלויסטער. די לעצטע פאר חדשים האט דער גלח שוין באזוכט ביי יעדן איינציגסטן בויער אינעם גאנצן אומגעגנט, פרובירנדיג צו טרעפן איינער וואס זאל קענען אהערשטעלן עפעס וואס איז ביז דאן נאכנישט געווען... קיינער האט אבער נישט געקענט נאכקומען זיינע גראנדיעזע פלענער. יעצט, נאכן באזוכן דעם נייעם ברסלב'ן קלויז, איז קלאר געווען ביי אים אז ער האט געפינען דעם ריכטיגן קאנדידאט.

*

ר' נפתלי זיצט זיך אין זיין הייזקע אין בארדיטשוב איבער א ליקוטי תפילות און גיסט זיך אויס דאס הארץ פאר'ן באשעפער, ווען מיטאמאל הערט ער קלאפן אויף זיין טיר. איידעלערהייט עפנט ער די טיר, און צו זיין גרויס איבערראשונג זעהט ער דארט שטיין נישט קיין צווייטער ווי דער הויפט גלח פון אומין. פיל גרעסער איז אבער געווען זיין שאק ווען ער האט געהערט פונעם גלח זיין בקשה צו אים: איך וויל דו זאלסט מיר אויפבויען א קלויסטער אויפן גענויעם געשטעל פונעם ברסלב'ן קלויז!

דער גלח האט קלארגעשטעלט פאר ר' נפתלי אז היות ער איז דער הויפט גלח, פארמאגט ער אפענע טירן אינערהאלב די מלוכה און קיין שום געלטליכע פראצעדור וועט נישט זיין קיין אפהאלט, און צו דער זעלבער צייט האט ער אים קלאר געלאזט הערן דעם פאקט אז ער געבט אים בעצם נישט קיין פילע ברירות ווי נאר אנצונעמען דעם פארשלאג.

א טרייסל איז דורך אין די ביינער פון ר' נפתלי. זייענדיג א ריינער ברסלב'ער חסיד און א געוואלדיגער ירא שמים, האט ער געוואוסט אז על פי הלכה טאר ער נישט דורכפירן אזא ארבעט, טראץ די פאנטאסטישע סומעס וואס דאס קען אים ברענגען. אבער, אין די זעלבע צייט האט ער פארשטאנען אז ער דארף מעסטן זיינע ווערטער, וויסנדיג, אז אויב וועט ער עס נישט אננעמען אליינס, וועט עס ארויפגעצווינגען ווערן אויף אים מיט געוואלד. דערפאר האט ר' נפתלי געענפערט פאר'ן גלח אז ער וועט ווירקליך אננעמען די ארבעט, אבער וויבאלד ער האלט יעצט אינמיטן דורכפירן אנדערע פראיעקטן, וועט ער עס הערשט אנהייבן בויען אין א האלבע יאר פון יעצט. דער גלח איז ארויס פון דארט העכסט צופרידן, פארשרייבנדיג ביי זיך אין נאטוץ ביכל, דעם גענויעם דאטום ווען עס דארף זיך אנהייבן די נייע בוי ארבעט.

אינאמת'ן אריין, האט ר' נפתלי נישט פארמאגט קיין שום אנדערע פראיעקטן. זייענדיג א דערהויבענער איד, פלעגט ער זיך פירן צו ארבעטן בלויז אין די זוממער חדשים און ער פלעגט אוועקלייגן א באשטימטע סכום געלט אויף צו קענען דורכלעבן דעם ווינטער. אזוי ארום פלעגט ער מקדיש זיין די ווינטער חדשים בלויז פאר עבודת השם. יעצט, זייענדיג אין אזא פארלעגנהייט, האט ער איינגערעדט פארן גלח אז ער איז פארנומען אין די טעג.

דערוויל האט ר' נפתלי נישט געלאזט פארלוירן גיין קיין איין איינציגער מינוט, ער האט געוואוסט אז ער מוז זאפארט פארשוואונדן ווערן, בעפאר דער גלח קערט זיך אום צו אים. ער האט באשלאסן ביי זיך אז דאס איז זיין סימן מן השמים זיך אריבערצוציען צום הייליג לאנד, ארץ ישראל.

אן עקסטערע השגחה פרטית האט זיך געמאכט ווען צען יאר פריער איז זיין טאכטער ארויפגעפארן קיין ארץ ישראל, אינאיינעם מיט איר מאן רבי אברהם ב"ר נחמן, וואס האט צוגעזאגט צו שאפן די נויטיגע פאפירן צו ערמעגליכן איר גאנצע משפחה ארויפצוקומען קיין ארץ ישראל. יעצט האט ער ערפילט די צוזאג, און ביז געציילטע חדשים האט זיך די גאנצע משפחה ארויסגעלאזט אויפן וועג, קיין ארץ ישראל.

א האלבע יאר איז פאריבער פון ווען דער גלח האט אפגעשטאט זיין ערשטע וויזיט ביי ר' נפתלי אין שטוב. דער גלח האט ווידער איינגעשפאנט די קארעטע ארויסלאזנדיג זיך איבער די געסער פון בארדיטשוב גלייך צום הויז פון ר' נפתלי. דער וואגן קומט אן, דער גלח קריכט אראפ, און מיט זיכערע טריט גייט ער צו צום טיר. אבער, צו זיין גרויס אנטוישונג, עפענט עפעס א איינגעבויגענער אידל, מיט פארוואונדערטע אויגן אויף זיין מאדנעם גאסט.

"ווי איז נפתלי דער בוי-מייסטער?", האט דער גלח געפאדערט צו וויסן.

די אומגערישטע ענטפער פון דעם אומשולדיגן אידל האט אים גענצליך סורפרייזט:

"עטליכע חדשים צוריק האט ער פארקויפט זיין הויז מיט זיין גאנצער פארמעגן און פארשוואונדן געווארן פון האריזאנט"...

ואלו יעמדו על הברכה

מוה"ר **יואל לדי נײמאן** הי"ו
קרית יואל
**שתרם להפצת הגליון**
לרגל אירוסי בתו
ימלא ה' כל משאלות לבו לטובה

מוה"ר **מנחם שמחה הוס** הי"ו
מאנסי
**שתרם להפצת הגליון**
לרגל הולדת בנו
ימלא ה' כל משאלות לבו לטובה

לע"נ הילד **אברהם דוב**
ע"ה בן יבלחט"א מוהר"ר
**צבי יוסף** הי"ו
נלב"ע כ"ט מנחם אב
ת.נ.צ.ב.ה.

די קומענדיגע גליון וועט אי"ה ערשיינען לקראת ראש השנה הבעל"ט אלס א **הערליכע רייכע אויסגאבע**. גלייכצייטיג וועט עס זיין געווידמעט לע"נ אונזער אומפארגעסליכער חבר מוהר"ר **אברהם געטץ** ע"ה.

**מיר ווילן בעטן פון סיי ווער עס פארמאגט זכרונות, געדאנקען אדער עובדות, פון ר' אברהם, זאל זיך ביטע פארבינדן ווי אמשנעלסטן מיט די רעדאקציע**

## בקשה מיוחדת!

**אין די זוממער וואכן ווען די גליון ווערט נישט געהעריג פארשפרייט, זייט אויך מהנה אנדערע און דרוקט ארויס דעם גליון פאר אייער חבר/שוהל/קאנטרי צו מזכה זיין את הרבים!**